בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

ויצא

ו' כסלו תשפ"ה

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:00 |
| מוצש"ק | 5:16 |
| ר"ת | 5:53 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | |
|---|---|
| סוזק"ש א' 8:10 | סוז"ת א' 9:17 |
| סוזק"ש ב' 8:55 | סוז"ת ב' 9:47 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

גליון מס': קי"ב

שנה ג'

## טיב הפרשה

# די כח פון הכנעה

## והיה זרעך כעפר הארץ

אין די וואכענדיגע סדרה לערנען מיר ווי הקב"ה איז מבטיח פאר יעקב אבינו אז זיינע קינדער וועלן זיך מערן און ווערן אויסגעשפרייט איבער די וועלט.

דער לשון פון די ברכה איז 'והיה זרעך כעפר הארץ ופרצת ימה וקדמה וצפונה ונגבה ונברכו בך כל משפחות האדמה ובזרעך'.

עס קען זיין בדרך רמז אז דער פסוק הייבט זיך אן מיט די ווערטער 'כעפר הארץ' מרמז צו זיין אויף די מידה פון עֲנָוָה, אז אין זכות פון די ענוה, אז מען וועט זיך האלטן קליין 'כעפר הארץ', וועט מען זוכה זיין אז עס וועט מקויים ווערן דער המשך הפסוק 'ופרצת ימה וקדמה' - ווייל דער סוד ההצלחה פון א איד איז די שפלות און דאס ברענגט אראפ די ברכה אויפ'ן וועלט.

די ענוה איז אייביג א וויכטיגער פונקט ביי א איד. סיי ווען עס גייט אים נישט גוט, אבער נאך מער ווען ער איז געבענטשט מיט אלע ברכות, אז דעמאלטס האלט ער זיך קליין, איז עס א חשיבות.

די בחינה איז מרומז אין דער המשך פון דער פסוק. אין פסוק ווערט אויסגערעכענט די ווערטער 'משפחות האדמה'. אויך דאס איז מרמז אויף שפלות, אז אויך נאך דעם וואס די אידן האבן זוכה געווען צו די ברכות - האבן זיי זיך געהאלטן בשפלות.

דער רעיון אז שפלות איז דער מקור צו ברכה שטייט ארויס אין די גמרא אין מסכת חולין [דף פא ע"א]. דארט רעדט די גמרא ארום איבער די פסוק לא מרבכם מכל העמים חשק ה' בעם כי אתם המעט מכל העמים, און די גמרא שמועסט אויס אז די שפלות איז דער מקור צו די ברכה, ווי עס איז דארט דער לשון הגמרא: אמר להם הקדוש ברוך הוא לישראל חושקני בכם שאפילו בשעה שאני משפיע לכם גדולה אתם ממעטין עצמכם לפני, נתתי גדולה לאברהם אמר לפני ואנכי עפר ואפר, למשה ואהרן אמרו ונחנו מה, לדוד אמר ואנכי תולעת ולא איש. אבל עובדי כוכבים אינן כן, נתתי גדולה לנמרוד אמר הבה נבנה לנו עיר, לפרעה אמר מי ה', לסנחריב אמר מי בכל אלהי הארצות וגו', לנבוכדנצר אמר אעלה על במתי עב, לחירם מלך צור אמר מושב אלהים ישבתי בלב ימים ע"כ.

פון די פרשה זעען מיר בפירוש אז די גדלות פון כלל ישראל מעסט זיך לויט ווי שטארק זיי זענען זיך ממעט.

עס איז סיי אזוי כלפי שמיא אבער אויך אויף די וועלט. א איד וואס פירט זיך בענוה איז אן ארויפגעקוקטער איד און יעדער וויל זיין אין זיין סביבה, מען וויל זיין נאנטקייט. אנדערש איז ביי די אומות העולם. ביי זיי שטאלצירט מען, ווי מער שטאלץ, ווי מער מען ריהמט זיך מיט וואס מען קען, מען באווייזט זיך מיט וואס מען האט - אלץ מער חשיבות האט מען ביי די מאסן.

די מידה פון ענוה באגלייט אונז אויך ווייטער אין די פרשה. דער פסוק דערציילט אונז אז די אויגן פון לאה איז אייביג געווען פול מיט טרערן און חז"ל זענען מסביר אז דאס איז געווען ווייל זי האט

>>> המשך אין עמוד ב'

## טיב המערכת

# וְהִנֵּה ה' נִצָּב עָלָיו

גייט א מענטש אין וואלד מיט זיין שטעקן אין האנט, און פלוצלונג זעט ער שפאנענדיג קעגן אים א ריזיגער בער, וועלכער שפאנט מיט זיכערע טריט אין זיין ריכטונג כדי אים צו פארצוקן. אין זיין ענגשאפט טראכט דער מענטש צו זיך וואס ער קען טון כדי צו פארטרייבן דעם בער, ווען צו זיין גרויס וואונדער איז אין דער זעלבער רגע געהערט געווארן א שאָס, און דער בער איז אראפגעפאלן טויט צו דער ערד. מיט זיין געוואלדיגע תמימות און נארישקייט האט דער מענטש געטראכט, אז דער שטעקן וואס ער האלט אין האנט איז א גאר וואונדערליכע שטעקן און פון זיין שטעקן איז ארויסגעגאנגען די שאָס וואס האט גע'הרג'עט דעם בער, אינדערצייט וואס אויפן בוים הינטער אים האט זיך באהאלטן א פאנגער מיט א שיסער אין האנט, און ער איז געווען דער וועלכער האט געשאסן דעם בער און אים גע'הרג'עט...

יעקב אבינו גייט אין וועג, און ווען ער איז אנגעקומען צום ארט וואו ער האט געדארפט איבערנעכטיגן, האט ער געטון די פאלגנדע פעולה – 'וַיִּקַּח מֵאַבְנֵי הַמָּקוֹם וַיָּשֶׂם מְרַאֲשֹׁתָיו', און רש"י איז מפרש 'עשאן כמין מרזב סביב לראשו, שהיה ירא מפני חיות רעות', און אין צוויי פסוקים דערנאך, וואו עס שטייט אין פסוק 'וְהִנֵּה ד' נִצָּב עָלָיו', זאגט רש"י 'ניצב עליו – לשמרו', זעען מיר אז כאטש יעקב אבינו האט געטון דאס וואס ער האט געדארפט טון כדי זיך צו היטן פון די חיות, האט אים דער אויבערשטער געוויזן אז דער וואס היט אים איז נישט די שטיינער און נישט קיין שום אנדערע זאך, נאר דער אויבערשטער בכבודו ובעצמו איז 'ניצב עליו לשמרו', און כאטש וואס ער האט געדארפט טון די השתדלות כדי זיך צו באשיצן פון שלעכטע חיות, האט אים דער אויבערשטער אויסגעלערנט אז די שמירה איז דאס וואס דער אויבערשטער היט אויף אים.

אין צייטן ווען מענטשן זענען דערציטערט פון די שונאי ישראל, און יעדער איינער זוכט וועגן וויאזוי זיך צו באשיצן צוזאמען מיט זיין הויזגעזינד, וועלן מיר געדענקען אז כאטש מיר זענען מחויב אלס די חובת ההשתדלות צו טון אלעס וואס מעגליך כדי זיך צו אפהיטן פון שלעכטע חיות, איז דאס אבער נישט דאס וואס היט אויף אונז, נאר דער אויבערשטער אליין איז דער וואס היט אויף אונז פון יעדן שלעכטס, און אין אים וועלן מיר לייגן אונזער גאנצע פארזיכערונג, און צו אים זענען געוואָנדן אונזערע אויגן אז ער זאל אונז באשיצן און אונז ראטעווען פון אלע שלעכטס וואס קומט אויף דער וועלט, ווייל 'אִם ד' לֹא יִשְׁמָר עִיר שָׁוְא שָׁקַד שׁוֹמֵר'. און דער אויבערשטער זאל העלפן און אראפנעמען זיין צארן פון אונז, און ממש בקרוב זאלן מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה, און אלע פעלקער פון די וועלט וועלן וויסן אז ד' הוּא הָאֱלֹקִים. (עפ"י טיב התורה – ויצא)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות

פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער

אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

אלע יארן פארגאסן טייכן טרערן אז זי זאל נישט חתונה האבן מיט עשו הרשע.

דער סוף איז געווען אז פון איר איז ארויסגעקומען דער רוב פון די שבטי קה.

די שפלות פון לאה דערקענט זיך אויך שפעטער אין פסוק ווען זי האט געגעבן די נעמען פאר אירע קינדער. דער בכור האט זי א נאמען געגעבן ראובן, כי ראה ה' בעניי. אויך ווען עס איז איר געבוירן געווארן דער צווייטער קינד שמעון, האט זי ארויסגעגעבן איר שפלות מיט'ן זאגן כי שמע ה' בעניי.

אויך ביים דריטן קינד ווען זי האט געזען אז הקב"ה טוט מיט איר חסד האט זי עס נישט תולה געווען אין זיך אליין, נאר אין דעם אז איר מאן וועט איר קענען באגלייטן געבנדיג לוי כי עתה ילוה אישי אלי.

די ערשיינונג איז ממשיך אויך שפעטער ביים געבורט פון דער פערטער קינד. זי האט שוין געהאט מער ווי איר חלק אבער דאך האט זי עס נישט תולה געווען אין איר זכות, נאר עס אנגעהאנגען אין חסד ה' און געגעבן א שבח והודיה פאר הקב"ה זאגנדיג 'הפעם אודה את ה'.

דער געדאנק פון ענוה און שפלות איז אייביג געווען א טייל פון דעם כלל ישראל. אין אלע דורות האט עס באגלייט דעם איד, און ווי מער מען האט זיך מכניע געווען אלץ מער האט מען זוכה געווען צו זען ישועת ה' און אז די שכינה זאל רוען אויף אונז און מקבל זיין שפע מלמעלה.

זאלן מיר זוכה זיין צו קענען גיין אין די וועגן פון אונזערע הייליגע אבות און ממשיך זיין די מידה פון הכנעה אויף ווייטערדיגע דורות, ביז ווען מיר וועלן זוכה זיין צו די גאולה השלימה בקרוב ובמהרה.

טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# געזאגערע בלינטשעס

מען האט גענומען טעלערס מיט עסצייג און זיך געגרייט צו דערכאפן דאס הארץ און אנשעפן כוחות אויף די ווייטערדיגע סדר היום.

"וועלכע ברכה מאכט מען אויף די בלינטשע"?

די בני תורה האבן אנגעהויבן א דין ודברים איבער די שאלה. מען האט דן געווען וואס איז דער עיקר און וואס איז דער טפל. צי די בלינטשע איז די עיקר, אדער דער אינערליכער טייל. וועלנדיג זען פון וואס דער אינערוויינינגסטער טייל איז געמאכט און וועלכע ברכה מען מאכט דערויף, האט זיך איינער פון די בחורים וואלונטירט און מיט א געלאסענקייט האט ער אויסגעלייגט זיין בלינטשע אויפ'ן טעלער און עס אנגעהויבן אויפשניידן.

אינעווייניג האט ער געטראפן א בלינטשע אבער אויך א שטיקל גלאז. עס האט זיך ארויסגעשטעלט שפעטער אז ביים פרעגלען די בלינטשעס האט געפלאצט א לעקטער און שטיקער גלאז האבן זיך אויסגעשפרייט ארום די קאך און אן וואס מען זאל באמערקן האט זיך איין שטיקל גלאז אריינגעכאפט אין די בלינטשעס.

וואלט ווען דער בחור געגעסן פון איר וואלט ער זיכער געקומען לידי סכנה.

יעצט האט ער שוין געוואוסט וועלכע ברכה ער דארף מאכן, אז ער דארף זאגן 'ברוך שעשה לי נס'...

ער האט געדאנקט הקב"ה אז ער איז ניצול געווארן פון דעם מכשול, און אז אין זכות פון ארומרעדן איבער די הלכה פון די ברכה איז ער ניצול געווארן אין א וואונדערליכער וועג.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: י.מ.ק.]

די פאראינטערסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922



אינעם הייליגן ספר **ייטב לב** ווערט ערקלערט ווי פאלגנד: "נִרְאֶה לִי פֵּרוּשׁוֹ, עַל פִּי הַמְּבֹאָר **בְּחוֹבַת הַלְּבָבוֹת** שַׁעַר עֲבוֹדַת הָאֱלֹקִים (סוף פרק ו), כְּשֶׁמּוֹדֶה וּמְשַׁבֵּחַ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ עַל אֵיזֶה טוֹבָה, לֹא יְהֵא כַּוָּנָתוֹ בְּהוֹדָאָה לְבַקֵּשׁ עַל הַתְמָדַת טוֹבָה וּלְהוֹסִיף עָלֶיהָ, עַיֵּן שָׁם".

"וְזֶהוּ שֶׁאָמְרָה לֵאָה: 'הַפַּעַם', כְּלוֹמַר עַל הַפַּעַם הַזֹּאת שֶׁנָּטַלְתִּי יוֹתֵר 'אוֹדֶה אֶת ה'', וְאֵין כַּוָּנָתִי לְבַקֵּשׁ טוֹבָה, כִּי אִם 'וַתַּעֲמוֹד' – בְּמַחְשַׁבְתָּהּ – 'מִלֶּדֶת', שֶׁלֹּא חָשְׁבָה כְּלַל לָלֶדֶת עוֹד, עַל כֵּן נָתְנָה הוֹדָאָה רַק עַל הֶעָבָר" עכל"ק.

->•<-

דער הייליגער צדיק המפורסם **דער רבי ר' לייב שרה'ס זצוק"ל** איז געווען פון די גדולי המנהיגים אין זיין צייט, און ווי דער שטייגער פון די הייליגע צדיקים האט ער שטענדיג געזוכט און פראבירט צו דערנענטערן אידישע הערצער לאבינו שבשמים.

איינמאל האט מען אים מודיע געווען מִן הַשָּׁמַיִם, אז אין די לאנד **אונגארן** איז דא גאר א הויכע און דערהויבענע נשמה, וועלכע איז זייער דארשטיג און לעכצנדיג צו קרבת אלקים, און אויף אים איז געלייגט געווארן די אויפגאבע איר אויפצוהייבן פון איר נידעריגן צושטאנד.

דער צדיק האט זיך תיכף ארויסגעלאזט זוכנדיג די פארלוירענע נשמה, און דורכאויס זיין גאנצע רייזע האט זיין הייליג מויל נישט אויפגעהערט צו מתפלל זיין, בעטנדיג דעם אויבערשטן אז עס זאל אים געלונגען צו טרעפן און מגלה זיין אט די טייערע נשמה, און ער זאל איר קענען דערנענטערן צו די קדושה און צו די וועגן פון תורה און חסידות.

אזוי האט ער זיך געדרייט איבער אונגארן פון ארט צו ארט, ווארטנדיג פארן השגחה פרטית פון הימל וואס זאל אים צופירן צום ריכטיגן מענטש. און אט, אין איינע פון די טעג פון זיין רייזע, איז ער אנגעקומען נאנט צו א הויכע שפיציגע בארג, און דעמאלטס האט ער געהערט פארנעפלטע קולות פון א הארציגע תפילה וואס האט זיך געגאסן ביים שפיץ פונעם בערג, א תפילה וואס איז פול מיט הייליגע בענקשאפט. ווען ער האט אויסגעשארפט זיין בליק אין יענעם ריכטונג, וועלנדיג זען פון וואו די קולות קומען, האט ער געזען א יונגער אידישער בחור'ל וועלכע פאשעט זיינע שאף אויפן שפיץ פונעם בארג. אינדערצייט וואס די שעפעלעך האבן זיך געזעטיגט פון די ווייכע גראז, האט דער יונגער פאסטוך ארויסגענומען זיין פייפעלע און גענומען שפילן פאר זיי גאר הארציגע ניגונים, און צווישן איין ניגון און דער אנדערע, האט ער אויסגעגאסן זיין הארץ, מיט ווארימע תפילות און לויב-דייד פאר השם יתברך.

דער הייליגער רבי איז ממש ענציקט געווארן פון דאס וואס ער האט אליין געזען און געהערט, און האט זיך דארט באהאלטן אין א ווינקל פונעם בארג, און האט זיך גוט צוגעהערט צו די תפילה פונעם אידישן פאסטוך, וועלכער האט זיך אזוי הארציג אויסגעגאסן זיין הארץ פארן אויבערשטן.

פלוצלונג איז דער פייפעלע שטיל געווארן, און דער

> ## הַפַּעַם אוֹדֶה אֶת-ה'
>
> **"וַתַּהַר עוֹד וַתֵּלֶד בֵּן, וַתֹּאמֶר הַפַּעַם אוֹדֶה אֶת ה', עַל כֵּן קָרְאָה שְׁמוֹ יְהוּדָה, וַתַּעֲמֹד מִלֶּדֶת"**
>
> כט, לה

יונגער פאסטוך האט זיך פלוצלונג גענומען שרייען מיט קולי קולות, מיינענדיג אז קיינער הערט נישט זיין שטימע דארט אינעם ריזיגן ארום, און מיט א געוואלדיגע התרגשות האט ער אויסגערופן:

**רבונו של עולם, איך האב דיר ליב!!!** איך בין א יתום שוין פון יונגווייז אן, מיין טאטע ע"ה האט נישט זוכה געווען מיר אויסצולערנען וויאזוי מען דאוונט, און וויאזוי מען לויבט און מען דאנקט צו דיר! – איך וויים נישט וואס און וויאזוי מען רעדט צו דיר! נאר איך וויל דיר לויבן און דאנקען אויף אלעס גוטס וואס דו טוסט מיט מיר שטענדיג. אט, ברוך השם, ס'איז דא פרנסה, און אויך גוטע פאשע פאר די שאף. און מיט דיין גרויס גוטס האסטו אונז געגעבן אזא שיינעם זוניגן טאג! און דו האסט באשאפן אט דעם גרויסן וואונדערליכן וואלד, מיט אזעלכע ריזיגע באדנס פון גראז, און אויף דעם אלעם דאנק איך דיר מיטן גאנצן הארצן!

וויאזוי, רבונו של עולם, קען איך אויסדרוקן מיין ליבשאפט און פיל דאנק צו דיר? איך וויים דאך גארנישט! וויאזוי דאוונט מען צו דיר?

**איין זאך וויים איך גוט! – זיך אראפצוקוילערן אויפן בארג!...**

אט, רבונו של עולם, וועל איך יעצט זיך איבערקוילערן פאר דיר! און איך בעט דיר, אז דו זאלסט אננעמען אט די קוילערונגען, אזוי ווי קרבנות און גוט-שמעקנדע אָפפערונגען!

און אזוי רעדנדיג, האט זיך דער בחור'ל אוועקגעשטעלט ביים שפיץ פונעם בארג, און האט אויסגעשריגן פון די טיפענישן פון זיין הארץ: **ריבונו של עולם, איך בין זיך מוסר-נפש מיט ליבשאפט פאר דיר!** – און ער האט זיך תיכף אראפגעקוילערט פונעם בארג, זיך דרייענדיג פון קאפ ביז פיס, איינמאל און נאכאמאל, ביז ער איז אנגעקומען אונטן פונעם בארג!

דער צדיק האט גוט פארשטאנען אז דאס איז דער נפש וואס ער זוכט, און ער איז געשטאנען דורכאויס די גאנצע צייט, באטראכטנדיג מיט וואונדער דעם געוואלדיגן עבודה פונעם יונגן פאסטוך.

ווען דער בחור'ל איז אנגעקומען אונטן פונעם בארג, סאפנדיג שווער און כאפנדיג זיין אטעם, האט ער זיך געוואונדערט צו זען פאר זיך א הייליגער צדיק מיט א הויכן קערפער און שטראלנדיג געזיכט, וועלכער שמייכלט צו אים הארציג!

שעמעוודיג האט ער אויסגעשטרעקט זיין האנט צום צדיק, און מיט א שטילע שטימע האט ער געזאגט: **שלום עליכם!**

דער צדיק האט אים געבענטשט מיטן גאנצן הארץ, דעפרייענדיג זיין זעל מיט הארציגע ווערטער מיט גרויס ליבשאפט, און גלייך האט דער בחור'ל געפילט אז זיין נפש ווערט מקושר אינעם נפש פון אט דעם צדיק. שמועסנדיג מיט אים, האט דער רבי אים פאָרגעשלאגן אז ער זאל מיטקומען מיט אים, און ער וועט אים אויסלערנען די דרכי התפילה, וויאזוי צו דאווענען לויט די אנווייזונגען פון די הייליגע חכמים, און אויך וועט ער לערנען מיט אים תורה און מוסר, הלכה און חסידות און אזוי ווייטער.

דער בחור האט זייער געגלוסט מיטצוגיין מיטן צדיק, וויבאלד ער איז זייער געצויגן געווארן צו זיין זיסע ליכטיגקייט און צו זיין אנגענעמע תורה. נאר וואס דען? וויבאלד דער טאטע פון דער בחור איז נפטר געווארן ל"ע, איז ער געווען דער וואס האט אויסגעהאלטן דער שטוב, און מיט די ביסל 'קאפיקעס' וואס ער האט פארדינט דורכן פאשען די שאף, האט ער אהיימגעברענגט אביסל עסן, זיך צו דערהאלטן ביים לעבן צוזאמען מיט זיין מאמע, די ארימע אלמנה.

האט דער רבי געבעטן דעם בחור'ל אז ער זאל אים אהיימנעמען צו זיין הויז, וואו ער האט גערעדט מיט די מאמע די אלמנה, און האט איר פאָרגעשלאגן אז וויבאלד דער בחור איז באשאָנקען געווארן מיט זייער א הויכע נשמה, דעריבער וואלט געווען זייער געוואונטשן אים צו מקרב זיין צו תורה ועבודה, וויבאלד ער איז בכח צו דערגרייכן צו הויכע און געוואלדיגע מדריגות, און דערביי האט דער צדיק איר פארשפראכן, אז ער נעמט זיך אונטער אז ער וועט זיי אויסהאלטן דורכאויס די גאנצע צייט וואס דער בחור וועט זיך אויפהאלטן ביי אים!

די מאמע די צדיקת האט אויסגעהערט די פאָרשלאַג פונעם צדיק, און האט צוגעשטימט. צוזאמען מיט איר זון האט זי געמאכט א חשבון וויפיל געלט זיי דארפן האבן פאר א יאר צייט, און גלייך האט דער הייליגער רבי ארויסגענומען דעם גאנצן סומע, און צוגעלייגט נאך אביסל געלט, כדי זיי זאלן האבן ברייט פרנסה פאר א גאנצע יאר!

דער בחור האט אפגעלאזט זיינע בהמות, און מיט א פרייליך אויפגעלייגט הארץ האט ער זיך ארויסגעלאזט אין וועג מיט זיין הייליגן רבי'ן, וועלכער האט אים מיטגענומען מיט זיך צו זיין הויז און האט אים ערצויגן ווי א באליבט קינד. ער האט אנגעהויבן לערנען מיט אים די הייליגע אותיות פונעם א'-ב', דערנאך האט ער זיך גענומען לערנען מיט אים דעם סידור, און האט פארגעזעצט מיט חומש, משניות און גמרא און אזוי ווייטער. דער לעכטיגער אינגל האט איינגעשלינגען מיט דארשט יעדעווארט וואס ער האט געלערנט, ביז ער איז געווארן איינער פון די גרעסטע און אויסדערוועלטסטע תלמידים פונעם הייליגן רבי'ן רבי לייב שרה'ס זי"ע.

נאך די הסלקות פון זיין גרויסן רבי'ן, איז זיין נאמען ארויס לשם ולתהילה אויף

המשך אין עמוד ד' <

דער גאנצער וועלט, און ער איז געווארן איינער פון די גרעסטע מנהיגים פון זיין צייט, דאס איז געווען נישט קיין אנדערער ווי הרב הקדוש והנורא, לו דומיה תהילה, **דער רבי ר׳ יצחק אייזיק קאליב׳ער זצוק״ל.** אויך נאך זיין הסתלקות איז זיין הייליגער ציון געווארן א באוואוסטע ארט וואו פילע אידישע קינדער גייען מתפלל זיין, און מען זעט דארט גרויסע ישועות.

**מיר לערנען זיך פון אט די וואונדערליכע דערציילונג** וויאזוי מיר זאלן דאנקען דעם אויבערשטן, און דאס איז דורכן אויסגיסן דאס גאנצע הארץ און זעל מיט א געוואלדיגע מסירות נפש דאנקענדיג דעם אויבערשטן. מען זאל ארויסווייזן דעם געוואלדיגן דאנק און ליבשאפט צום אויבערשטן, ארויסגעבנדיג דאס מיט אלע כוחות, און נישט בלויז ׳יוצא זיין׳ מיטן ׳ארויסזאגן׳ פשוט׳ע ׳דאנק-ווערטער׳...

א איד זאל וויסן, אז אפילו אויב ער איז נישט אזוי שטארק מצליח אין לערנען, און נישט אלעס גייט אזוי גלאטיג ווי ער וואלט געוואלט... פונדעסטוועגן זאל ער טון וואס ער קען, און אפילו מיט א קלייניגקייט, אלעס לויטן מצב און לויטן ענין, אבער דער עיקר איז אז עס זאל זיין מיטן גאנצן הארץ און זעל, ווייל **רחמנא ליבא בעי!** – און אדרבה, אמאל, דווקא דורך אזעלכע מעשים טובים, וואס דער מענטש כאפט אריין אין שוואכע צייטן, זאכן וועלכע טראגן נישט מיט זיך א גרויסע מעלה און ברענגען נישט מיט זיך א גוטן געפיל, נאר מען טוט עס מיט אן ערנסטע כוונה כדי צו מאכן נחת רוח פארן גרויסן באשעפער, זיי טראגן מיט א גרויסע און שטארקע השפעה, און שאפן גאר גרויסע נחת רוח אין הימל.

->•<-

עס האט מיר דערציילט א חשוב׳ער איד פון די געהויבענע אידן אין ירושלים עיר הקודש ת״ו, וואס דער אויבערשטער האט אים באשאקען מיט א פולע הויז מיט ליכטיגע זין און טעכטער, זרע ברך ה׳. און אט איז געקומען דער צייט אז זיין טאכטער זאל טון דעם פרק הָאִשָּׁה נִשֵּׂאת, אבער אויך ווען זי איז שוין אריינגעגאנגען אין די צוואנציגער יארן, האט זי נאך געווארט פאר איר זיווג, ווען נאך איר ציט זיך נאך א שורה פון ברידער און שוועסטער.

די טאכטער איז געווען זייער א געלונגענע און גערעטענע, זייענדיג אויסגעצייכנט מיט גאר וואונדערליכע און פיינע מידות, אויך איז איר משפחה געווען פון די מיוחס׳דיגסטע משפחות אין ירושלים, וואס לכאורה וואלט מען געדארפט ׳אויסכאפן׳ אזא שידוך זייער שנעל... אבער צום גרויסן וואונדער האט דער מזל פון שידוכים נישט געלויכטן צו זיי... יעדע הצעה וואס איז ארויפגעקומען, איז נישט געקומען לידי מעשה, צוליב פארשידענע און אומפארשטענדליכע סיבות. אויך ווען א שידוך האט אנגעהויבן מאכן פאָרשריט, און עס האט אויסגעזען אז אט גייט עס שוין ווערן אויסגעפירט, איז עס אבער צום סוף אראפגעגאנגען מֵעַל הַפֶּרֶק. מען האט נישט געקענט פארשטיין, פארוואס איז זי אזוי געבליבן ׳שטעקן׳ אזוי פאר עטליכע יאר?

און אט איז געקומען א הצעה, וואס האט זיך זייער שיין ענטוויקלט. אלעס האט זיך גערוקט אינעם געוואונטשענעם ריכטונג,ביידע צדדים זענען באוויליגט געווארן און האבן צוגעשטימט צום שידוך. אויך די מְדַבְּרִים אליין האבן זיך שוין געטראפן, און ביידע זענען זייער צופרידן, מען האט שוין אמת׳דיג געהאלטן ביים ׳ברעכן טעלער׳ אין א מזל׳דיגע שעה.

אבער צום גרויס וואונדער פון יעדן איינעם, ממש אינעם לעצטן טאג, ווען מען האט שוין געהאלטן ביים שליסן דעם שידוך, האט דער שדכן פלוצלונג געקלינגען מיט נישט א גוטע בשורה, אז ממש אינעם לעצטן רגע האט דער אנדערער צד באשלאסן אז זיי גייען אראפ פון די הצעה, און אלעס איז בטל ומבוטל!

די ענטוישונג איז געווען מורא׳דיג שווער. דאס איז געווען פאר זיי ווי א קלינגענדיגע פראסק! מען קען זיך נישט פארשטעלן דעם גרויסן צער און געוויין וואס איז דארט פארגעקומען אין הויז, נאכדעם וואס די גאנצע משפחה האט זיך שוין פרייליך געגרייט צו א שמחה, ירחם השם.

גאר שפעט ביינאכט, ווען עס איז שוין געווען מער ׳פרי׳ פארטאגס ווי ׳שפעט׳ ביינאכט, ווען ענדליך איז שוין יעדער איינגעשלאפן, זענען נאך די טאטע-מאמע געווען אויף, נישט קענענדיג גיין שלאפן פון גרויס צער און וואונדער. זיי האבן זיך געהאלטן אין איין פרעגן, נאכאמאל און נאכאמאל, פארוואס האט דער אויבערשטער געמאכט אז דאס זאל געשען צו זיי... אזוי האבן זיי געשמועסט צווישן זיך, און זענען געקומען צום אויספיר, אז מען זעט דאך דא קלאר אז מן פאדערט פון זיי עפעס פון הימל! וויבאלד אויף א וואונדערליכן אופן פאלן אראפ די הצעות איינס נאכן צווייטן, ווען ענדליך ווערט אלעס געשטרויכלט, און די שטרויכלונג לויפט זיי נאך...

האבן זיי זיך גענומען טראכטן, וואס קען דען זיין די סיבה צו די פילע מכות וואס זיי כאפן. נאך א שטיק צייט טראכטן, האט די אידענע זיך געווענדן צו איר מאן, און מיטן תבונה יתירה וואס דער אויבערשטער האט געשאנקען פאר די פרויען, האט זי זיך אנגערופן: מעגליך איז דאס וועגן א פשוט׳ע סיבה – **אז מיר דאנקען נישט גענוג פארן אויבערשטן!!!**

מיר וויסן זייער גוט וויאזוי צו בעטן, מיר האבן זיך זייער צוגעוואוינט אויסצוגיסן תפילות און בקשות, מיר האבן שוין פראבירט אזויפיל פארשידענע סגולות... אבער צו דאנקען דעם אויבערשטן אויף דאס וואס מיר האבן יא זוכה געווען, דאס האבן מיר פשוט פארגעסן! אזויפיל חלקים פונעם דאווענען האבן דאך אונזערע הייליגע חכמינו ז״ל מתקן געווען כדי צו דאנקען דעם אויבערשטן מיט שירות ותשבחות, סיי ביי די פסוקי דזמרה, און סיי ביי די תפילה פון שמונה עשרה זעלבסט, מיט שבח ובהודאה פארן אויבערשטן.

לאמיר זיך מתבונן זיין, וויפיל וואונדערליכע חסדים האט דער אויבערשטער געטון מיט אונז, ברוך השם מיר האבן א משפחה מיט גוטע און לעכטיגע קינדער, און יעדער איז געזונט און שטארק, מיר זענען ב״ה גליקליך חתונה געהאט שוין פילע יארן, מיט א גוטע דירה און פרנסה בריוות, וכו׳ וכו׳, וויפיל דארפן מיר דאנקען דעם אויבערשטן דערפאר! – היינטיגע צייטן וויסן מיר דאך גוט, אז דאס איז אלעס איז בכלל נישט אזוי פשוט און נאטורליך... דאס אלעס קומט נישט פון זיך אליינס...

אזוי זענען די פּאָר-פאָלק געזעצן און געשמועסט שטילערהייט, און ביים ענדע פונעם שמועס האבן זיי מקבל געווען אויף זיך אז פון יעצט וועלן זיי זיך נישט אויסגיסן דאס הארץ מיט תחינות און בקשות, נאר פשוט דאנקען צום אויבערשטן! און פילן אן אמת׳ע הכרת הטוב פון אמת אויף אלעס גוטס וואס ער האט אונז געטון, און זיך אסאך אפגעבן מיט זאגן לויב און דאנק פארן אויבערשטן.

און אזוי ווי זיי זענען נאך אלץ געזעצן און גערעדט, און אט האט דער טעלעפאן גענומען טרייסלען! אויפן טעלעפאן איז געווען דער פלייסיגער שדכן... וועלכער איז געווען פול מיט ענטשולדיגונג פארן קלינגען אין אזא שפעטע שעה...

איך ווייס נישט וואס איר האט געטון אין די לעצטע שעות, האט ער אנגעהויבן, אבער פלוצלונג איז געווארן א מהפיכה, די אנדערע זייט האבן מיר יעצט געקלינגען, און זיי האבן געזאגט אז דער בחור איז נישט גרייט מוותר צו זיין בשום אופן! ער וויל דווקא דעם שידוך, און זייער פריערדיגער ענטפער איז געווען א טעות! עס האט זיך אויסגעשטעלט אז אן אנדערע הצעה איז געקומען צו זייער טיש, וואס האט זייער געפאָלן פאר די מאמע פון דער בחור, און זי האט אוועקגעשטופט דעם שידוך צוליב די צווייטע הצעה. אבער א גאנצע נאכט האט דער בחור גע׳טענה׳ט צו זיינע עלטערן, אז ער פילט קלאר אז דאס איז זיין זיווג, און ער איז בשום אופן נישט מסכים צו הערן עפעס אנדערש!

גלייך אויפצומארגנס האט מען דארט געבראכן טעלער! די געוואלדיגע שמחה וואס האט געהערט דארט ביים ״לחיים״ איז געווען גאר געהויבן, און פון דעמאלטס און ווייטער הערן זיי נישט אויף צו דאנקען און לויבן דעם אויבערשטן צו יעדער צייט.

◆ מוקד הזמנות ספרים ◆
של הגה״צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט״א
קו ההזמנות של מכון טיב 0733-22-76-09
טלפון אחד והספר אצלך
ללא עלות דמי משלוח

יו״ל ע״י קהילת שבתי בבית ד׳ | רח׳ ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173